**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווארנער KATHY HOCHUL (קעטי האקול) מעלדט דערוועלטע צו SUNY דאונסטעיט קאמיוניטי אדווייזערי באורד

***אדווייזערי באורד האט באקומען די ארבעט צו אנטוויקלען פינאנציעל פאראנטווארטליכע, לאנג-טערמיניגע פלאן פאר א שטערקערע SUNY דאונסטעיט***

***די באורד קען נעמען אין באטראכט ביז 250 פראצענט פון ניו יארק סטעיט'ס קאפיטאל פארפליכטיגונג און פארזיכערטע דאלארן פאר אינוועסטירונג***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אכט דערוועלטע וואס וועלן זיין אויף די קאמיוניטי אדווייזערי באורד וואס האט די ארבעט צו מאכן רעקאמענדאציעס צו אנטוויקלען א לאגישע, דערגרייכבארע און פינאנציעל פאראנטווארטליכע פלאן פאר די פינאנציעלע געזונט, פעהיגקייט און דויערהאפטיגקייט פון SUNY דאונסטעיט שפיטאל (SUNY Downstate Hospital) און SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט (SUNY Downstate Health Sciences University). די אדווייזערי באורד קען נעמען אין באטראכט ביז 250 פראצענט פון ניו יארק סטעיט'ס קאפיטאל פארפליכטיגונג און פארזיכערטע דאלארן פאר אינוועסטירונג.

"פאר חדשים, איז מיין אדמיניסטראציע געווען פארנומען מיט געשפרעכן מיט די ברוקלין קאמיוניטי צו פארזיכערן אז די ריכטיגע מענטשן זענען דערוועלט געווארן צו העלפן פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע פינאנציעלע שטאנדהאפטיגקייט פון SUNY דאונסטעיט," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בין זיכער אז די SUNY דאונסטעיט אדווייזערי באורד וועט דורכפירן א שטארקע קאמיוניטי צוזאמענארבעט פראצעדור און אנטוויקלען פולשטענדיגע רעקאמענדאציעס צו העלפן פארזיכערן הויכע קוואליטעט העלט קעיר אין א מאדערניזירטע איינריכטונג פאר די צענטראלע ברוקלין קאמיוניטי."

גאווארנער Hochul (האקול) האט באשטימט בירגער בודשעט קאמישענער פרעזידענט Andy Rein (אנדי ריין), פאסטור Louis Hilton Straker Jr (לואיס הילטאן שטראקער) און דר. Lesly Kernisant (לעסלי קערניסאנט), ברוקלין פלאזא מעדיצינישע צענטער (רעטייערד) צו די קאמיוניטי אדווייזערי באורד.

סענאט מאיאריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (אנדריא סטעווארט) האט באשטימט SUNY דאונסטעיט טשעיר פון די דעפארטמענט פון פאמיליע און קאמיוניטי העלט ( SUNY Downstate Chair of the Department of Family and Community Health) דר. Enitza George (עניצא דשאורדש), M.D., MBA, MSAI. אסעמבלי ספיקער Carl Heastie (קארל היסטי) האט באשטימט דר. Donald Moore (דאנאלד מאור), געוועזענע אנוועזנדע דאקטער אין ניו יארק פרעסביטעריאן ברוקלין מעטאדיסט שפיטאל (New York Presbyterian Brooklyn Methodist Hospital).

יונייטעד אוניווערסיטעט און פראפעשנס פרעזידענט Fred Kowal (פרעד קאוואל) וועט דינען אלס א פארשטייער אין נאמען פון ארגאניזירטע לעיבער.

זיי וועלן ווערן אנגעשלאסן מיט ניו יארק סטעיט העלט קאמישענער James V. McDonald (דשעימס וו. מקדאנאלד), MD, MPH און סטעיט אוניווערזיטעט פון ניו יארק טשענסלער John B. King Jr. (דשאן ב. קינג דשוניאר).

SUNY דאונסטעיט שפיטאל און SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט האבן צוגעשטעלט צענטראל ברוקלין מיט וויכטיגע העלטקעיר סערוויסעס און טרעינירט דורות פון בירגער-געניגטע, פארשידנארטיגע מעדיצינישע פראפעסיאנאלן פאר א יאר-הונדערט. פונדעסטוועגן, האט SUNY דאונסטעיט שפיטאל אויך מיטגעמאכט יארן פון פינאנציעלע אומסטאביליטעט - ארייננגערעכנט א יערליכע צו-ווייניג פון באלד 100 מיליאן דאלאר - און פלאגט זיך ווייטער מיט אן איינריכטונג וואס ווערט פארפאלן. צו אדרעסירן די שוועריקייטן, האבן גאווארנער Hochul (האקול) און די סטעיט לעגיסלאטור געמאלדן א היסטארישע אינוועסטירונג פון 300 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל פינאנצירונג אין אפעראציעס פינאנצירונג צו פארמאכן די דעפיציט, ווי אויך א קאמיוניטי אדווייזערי באורד פאר די מאדערניזירונג און ווידעראויפלעבונג פון SUNY דאונסטעיט, וועלכע דארף אריינגעמען א לאגישע, דערגרייכבארע און פינאנציעל פאראנטווארטליכע פלאן פאר די פינאנציעלע געזונט, פעהיגקייט און דויערהאפטיגקייט פון SUNY דאונסטעיט.

די באורד וועט אפהאלטן דריי פאבליק הירינגס און אריינגעבן געשריבענע רעקאמענדאציעס צו גאווארנער Hochul (האקול) און די לעגיסלאטור ביז אפריל 1, 2025

**סטעיט העלט קאמישענער James McDonald (דשעימס מקדאנאלד) M.D., M.P.H. האט געזאגט,** "SUNY דאונסטעיט שפיטאל און SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט זענען צווי פון צענטראל ברוקלין'ס מערסט פונדאמענטאלע העלטקעיר איינריכטונגען וואס וועט אדרעסירן די קאמפליצירטע געזונטהייט געברויכן פון איינס פון די מערסט פארשידנארטיגע קאמיוניטיס אין אונזער סטעיט. איך קוק ארויס צו צוזאמענארבעטן מיט די אדווייזערי באורד צו פארזיכערן אז מיר לייגן די גרונטווארק פאר SUNY דאונסטעיט'ס לאנג-טערמיניגע דויערהאפטיגקייט נוצנדיג ביז 750 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל אינוועסטירונג, ערלויבנדיג עס זאל ווייטער קענען געבן אויסגעצייכנטע מעדיצינישע בילדונג און העלטקעיר סערוויסעס פאר קומענדיגע יארן."

**SUNY טשענסלער John B. King Jr. (דשאן ב. קינג דשוניאר) האט געזאגט,** "געפירט דורך די ארבעט וואס די קאמיוניטי אדווייזערי באורד וועלן דורכפירן צווישן יעצט און אפריל 1 און בויענדיג אויף ברייטע קאמיוניטי מיטארבעט איבער די לעצטע יאר, וועלן SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט און SUNY דאונסטעיט שפיטאל קענען ווייטער גיין מיט זייערע מיסיעס פון טרענירן די קומענדיגע דור פון פארשידנארטיגע, וועלט-קלאסישע מעדיצינישע פראפעסיאנאלן און סייענטיסטן און דעליווערן הויכע-קוואליטעט העלט קעיר צו צענטראל ברוקלין. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די אנדערע מיטגלידער פון די קאמיוניטי אדווייזערי באורד וצו אנטוויקלען רעקאמענדאציעס ביז א אומצאליגע 750 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל אינוועסטירונג פאר א לאגישע, דערגרייכבארע און פינאנציעל פאראנטווארטליכע פלאן פאר די פינאנציעלע געזונט, פעהיגקייט און דויערהאפטיגקייט פון SUNY דאונסטעיט."

**פאסטור Louis Hilton Straker Jr. (לואיס הילטאן סטראקער דשוניאר) האט געזאגט,** "SUNY דאונסטעיט איז מער ווי א העלטקעיר פראוויידער; צוזאמען מיט SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט, איז עס א זויל פון האפענונג און געלעגנהייט פאר אונזער קאמיוניטי. SUNY דאונסטעיט

איז געווען קריטיש אין דערהייבן פאמיליעס און אונזער צענטראל ברוקלין קאמיוניטי. איך בין שטארק איבערגעגעבן צו ארבעטן מיט די באורד צו פארזיכערן אז SUNY דאונסטעיט בלייעט א קוואל פון כח און דויערהאפטיגקייט פאר קומענדיגע דורות און בין דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו העלפן פארמען א היסטארישע אינוועסטירונג פון ביז 750 מיליאן דאלאר אין דאונסטעיט'ס צוקונפט."

**יונייטעד אוניווערזיטעט פון פראפעשנס פרעזידענט Fred Kowal (פרעד קאוואל) האט געזאגט,** "SUNY דאונסטעיט שפיטאל און SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט אפטיילונג און שטאב שטעלט נישט נאר צו מעדיצינישע סערוויסעס וואס האלטן אן די געזונט און וואיל זיין פון ברוקלין איינוואוינער, נאר טרענירן אויך די קומענדיגע דור פון העלטקעיר פראפעסיאנאלן וואס וועלן פארברייטערן די העלטקעיר ארבעטקראפט. איך בין צופרידן צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי און פירערס אין העלטקעיר און בילדונג צו אנטוויקלען די בעסטע וועג גייענדיג פאראויס צו פארשטערקערן די אינסטיטוציע, אויסברייטערן די ווירקונג פון ביז 750 מיליאן דאלאר אין סטעיט קאפיטאל פינאנצירונג, און פארזיכערן SUNY דאונסטעיט'ס לאנג-טערמיניגע זיכערהייט און שטאנדהאפטיגקייט אין איינשטימונג מיט די אדווייזערי באורד'ס מאנדאט."

**בירגער בודשעט קאמישן פרעזידענט Andrew Rein (אנדרו ריין) האט געזאגט,** "פאר דורות, האט SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט ערצויגן א פארשידנארטיגע גרופע פון העלטקעיר פראפעסיאנאלן און איז געווען א וויכטיגע טייל פון דעליווערן נויטיגע העלטקעיר. איך קוק ארויס צו זיין א טייל פון די אדווייזערי באורד און העלפן אידענטיפיצירן א פינאנציעל דויערהאפטיגע וועג וואס פארזיכערט אז SUNY דאונסטעיט'ס בילדונג און העלט מיסיעס ווערן ערפילט און ברוקלינער האבן צוטריט צו די קוואליטעט קעיר וואס קומט זיך זיי."

**דר. Lesly Kernisant (לעסלי קערניסאנט) האט געזאגט,** "אלס א לעבנסלענגליכע העלטקעיר פראפעסיאנאל, האב איך ערשטהאנטיג געזען די ראלע וואס SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט און SUNY דאונסטעיט שפיטאל שפילן אין פארבעסערן די געזונטהייט נאכפאלגן פון צענטראל ברוקלין. עס איז א פריוויליגיע צו העלפן אנווייזן א פלאן וואס וועט נישט נאר פארזיכערן SUNY דאונסטעי'טס פינאנציעלע געזונט נאר עס אויך פארשטארקערן - מיט די הילף פון ביז 750 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל פינאנצירונג - אנצוגיין מיט איר פארפליכטיגונג צו טרענירן די קומענדיגע דור פון פארשידנארטיגע העלטקעיר פירערס."

**SUNY דאונסטעיט טשיער פון די דעפארטמענט אוו קאמיוניטי און פאמיליע העלט דר. Enitza George (עניצא דשאורדש), M.D., MBA, MSAI. האט געזאגט,** "ביי SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט, זענען מיר די ווינקלשטיין פון העלטקעיר און מעדיצינישע בילדונג אין צענטראל ברוקלין, און אונזער ווירקונג דערגרייכט פיל ווייטער ווי די ווענט פון די אינסטיטוציע. איך בין שטארק איבערגעגעבן צו פארזיכערן אז מיר דעליווערן ווייטער הויכע-קוואליטעט, גוטע זארג וואס קומט נאך די געברויכן פון אונזער קאמיוניטי דורך א היסטארישע אינוועסטירונג פון ביז 750 מיליאן דאלאר אין א דויערהאפטיגע צוקונפט פאר SUNY דאונסטעיט."

**דר. Donald Moore (דאנאלד מאור) האט געזאגט,** "אלס א דאקטער וואס האט געארבעט מיט SUNY דאונסטעיט שפיטאל און SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט פאר צענדליגע יארן, ווייס איך וועגן די וויכטיגע ראלע וואס SUNY דאונסטעיט האט סערווירט צו אנטוויקלען אונזער וויכטיגע העלטקעיר ארבעטקראפט לענגאויס ברוקלין און ווייטער. די פינאנציעלע שטאנדהאפטיגקייט פון SUNY דאונסטעיט איז וויכטיג צו די וואוילזיין פון אונזער קאמיוניטי, און איך בין באערט צוצוגעבן צו די אדווייזערי באורד און העלפן פארזיכערן אז דורך די ביז 750 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל פינאנצירונג קען SUNY דאונסטעיט ווייטער אנגיין מיט איר מיסיע צו דעליווערן הויכע קוואליטעט קעיר און בילודנג."

**סטעיט סענאטאר Zellnor Myrie (זעלנאר מיריע) האט געזאגט,** "אונזער קאמיוניטי ערווארטעט און עס קומט זיך זיי א ריכטיגע מיטיילונג פראצעדור אויף די צוקונפט פון SUNY דאונסטעיט און א אמת'ע פלאן צו פארבעסערן צוטריט צו הויכע קוואליטעט העלטקעיר, און איך בין דאנקבאר אז די גאווארנער שטעלט אוועק די אדווייזערי באורד. איך בין ספעציעל צופרידן מיט די באשטימונג פון דר. Enitza George (עניצא דשאורדש), וואס איז שטארק באקאנט מיט אונזער קאמיוניטי'ס העלטקעיר געברויכן און דאונסטעיט'ס ראלע זיי צו שטיצן. מיר קוקן ארויס אז די באורד זאל אנפאנגען זייער ארבעט און קוקן ארויס איבערצוקוקן זייערע רעקאמענדאציעס."

**אסעמבלימעמבער Brian Cunningham (ברייען קאנינגהעם) האט געזאגט,** "איך בין צופרידן צוצוגעבן צו די פינאנציעלע זיכערהייט פון דאונסטעיט מעדיקל צענטער און צו ארבעטן צוזאמען מיט געשעצטע מיטגלידער פון די קאמיסיע צו פארזיכערן די צענטער'ס צוקונפט, מיט די מיטלען, שטאב און טעכנאלאגיע וואס איז נויטיג צו שטיצן אונזערע איינוואוינער. די שפיטאל סערווירט הונדערטער טויזנטער מענטשן יעדע יאר, פיל פון זיי וואס וואוינען אין מיין דיסטריקט, אריינגערעכנט נידריג-איינקונפטיגע פאמיליעס און די פון היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס. עס איז א לייפליין צו בויען געזונטערע געגנטער דורך פארברייטערן צוטריט צו קעיר וואס פריאריטיזירט און דערהייבט פארמיידונג סערוויסעס."

**טשעיר פון ברוקלין קאמיוניטי באורד Fred Baptiste #9 (פרעד באפטיסט) האט געזאגט,** "SUNY דאונסטעיט שפיטאל און SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט זענען הויפט חלקים פון די צאמשטעל פון צענטראל ברוקלין, סערווירנדיג סיי אלס א העלטקעיר פראוויידער און א בילדונג אינסטיטוציע וואס דערהייבט אונזער געגנט. מיר קוקן ארויס צו האבן טיפע געשפרעכן צו פארזיכערן אז SUNY דאונסטעיט בלייבט פינאנציעל דויערהאפטיג און דינט ווייטער אלס א וויכטיגע מיטל פאר אונזער קאמיוניטי'ס געזונט און וואוילזיין."

**טשעיר פון ברוקלין קאמיוניטי באורד Karl-Henry Cesar #14 (קארל-הענרי סיסער) האט געזאגט,** "א איפגעלעבטע און פולשטענדיג געשטיצטע SUNY דאונסטעיט ברוקלין שפיטאל וואלט געווען א נויטיגע צייכן פון רעספעקטירן און שעצן די לעבנס פון מענטשן אין צענטראל ברוקלין. איז, איך האף אז די קאמיוניטי אדווייזערי באורד איז פולשטענדיג געמוטיגט און געשטיצט צו נעמען וויפיל צייט זיי דארן צו רעדן מיט די קאמיוניטי און געטריי דורכפירן איר מיסיע אין שטיצע פון די צוקונפט."

**טשעיר פון ברוקלין קאמיטע באורד Rodrick Daley #17 (ראדריק דאלי) האט געזאגט,** "קאמיוניטי באורד 17 נעמט אויך די CAB. מיר וועלן ארבעטן פלייסיג צוזאמען צו פארזיכערן אז די מענטשן פון צענטראל ברוקל באקומען די בעסט מעגליכע נאכפאלגן מיט אן אפענע דאונסטעיט. עס זענען געווען צו פיל טוישונגען מיט די אנדערע שפיטעלער ארום אונז. די CAB וועט ארבעטן צוריקצובויען בעסער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן